מאַרקטאָג

WEDNESDAY

מאַרקטאָג

דער איינציקער גוטער פּרנסה־טאָג איז געווען דער יאַריד־טאָג, מיטוואָך, און אין אַלע אַנדערע טעג פון דער וואָך, האָט דאָס שטעטל אויסגעזען ווי אייגער וואָלט געלעבט פון צווייטן. סוחרים האָבן געגענעצט און בעלי־מלאכות האָבן געלאָזט אַליין די געזעלן אַרבעטן און אַליין אויך געגעבן אַ שמעק אין גאַס אַריין, ווו מ׳האָט געקענט זיך טרעפן מיט אַ מענטש אָדער גלאָט מיט אַ קינד. באַזונדערס פריילעך האָט אויסגעזען דער מאַרק־טאָג, מיטוואָך. באַלד אינדערפרי האָבן זיך אָנגעהויבן אָנפאָרן גרויסע וועגענער מיט פויערים פון אַרום שטאָט, ווי אויך סוחרים פון נישט ווייט פון טישעוויץ. די חזיר־שלעגערס האָבן פאַרנומען אַ גאַנץ בכבודיק אָרט, און גאַנץ פיין פאַרעיפושט דאָס שטעטל מיט זייער קאָכן און בראָטן דאָס חזיר־פלייש. ס׳האָט ממש געשטיקט ווען מ׳איז צוגעקומען צו דעם פּלאַץ. לעבן זיי האָבן זיך צעשטעלט מיט זייערע קראָמען די שוסטערס מיט געוויינטלעכע שטיוול, ווי אויך מיט דעם ספּעציעלן מין שטיוול וואָס מ׳האָט זיי גערופן „טישאָוויאַנעס” מיט די ווייסע לאַנגע כאָליעוועס. פון דער צווייטער זייט האָבן זיך געפונען די טאַנדעטניקעס און אַנדערע שטעלן מיט פאַרשידענע סחורות ווי געפּעס, טריקאָטאַזש, שפּילצייג, שלעסער מיט שליסלען, און אַזוי ווייטער און ווייטער. צווישן דעם גאַנצן עולם האָבן זיך געשטופּט פויערטעס מיט עופות, בעבלעך, ציבעלעס, קנאָבל, און אַנדערע גרינסן. יידישע פרויען האָבן געהאַנדלט מציאות. יעדער האָט, אויף זיין שטייגער, אויסגעלויבט זיין סחורה. ס׳איז אַנטשטאַנען אַזאַ גערעמל, אַז מ׳האָט קוים געהערט וואָס מ׳רעדט. און צווישן גאַנצן גערעמל פון הירזשען פון פערד, קוויטשעריי פון חזירים קוואַקען פון קאַטשקעס, און קרייען פון הענער און סתם געפּילדער, האָבן זיך אָנגעשטעלט אַ זינגער מיט האַרמאָניע אין האַנט און אַ זינגערין. זיי האָבן ביידע געוואָלט איבערשרייען דעם גאַנצן רעש; אָבער זייערע הילכיקע געזאַנגען האָבן בשום אופן נישט מצליח געווען אַריבערצושרייען דעם רעש.

פאַר אונדז, נאָך דעמאָלט יונגוואַרג, איז געווען אַ ספּעציעלער פאַרגעניגן אַריינצושטופּן זיך אינעם גאַנצן געדרענגעניש און צוקוקן זיך צו די נייע סחורות וואָס מ׳האָט אָנגעבראַכט פון דער פרעמד און אויך צוהערן זיך ווי אייגער וויל אַריבערשרייען דעם צווייטן, לויבנדיק זייערע סחורות מיט אַ נישט צופיל גוטן פּויליש. מיט אַרויפגעצויגענע גוטע שמייכלעך האָבן ווייבער אַריינגעבעטן אויך אין זייערע קראָמען. יעדער האָט געוואָלט לייזן אַ פּאָר זלאָטעס.

פאַרנאַכטצו איז זיך אַלץ צעפאָרן און ס׳איז ווידער געוואָרן אַ שטילקייט און אַ גרויסער שמוץ, אַז מ׳האָט עס קוים דעררייניקט.

מיט קאָמוניקאַציע, האָבן מיר זיך נישט אַזוי שטאַרק וואָס פאַרזושטעלן. אַממיינסטן אין מען געפאָרן מיט פערד און וואָגן. ווייטערע שטרעקעס, איז מען געפאָרן אויך מיט דער באַן, צו וועלכער מ׳האָט געמוזט צופאָרן מיט פערד. די באַן־סטאַציע איז געווען ווייט פון שטאָט. דאָס לעצטע יאָר האָט שוין אויך קורסירט אַ פּאַסאַזשיר־אויטאָ פון טישעוויץ קיין זאַמאָשטש ד.ה. 8 אַזייגער אינדערפרי, איז דער אויטאָ אַרויסגעפאָרן פון טישעוויץ, מיט גאָר ווייניק מענטשן, און צוריק געקומען פאַרנאַכט. אַ כאָפּטע קינדער האָבן דעם אויטאָ באַגעגנט מיט געשרייען און געפּילדער, אַז ס׳האָט פאַרהילכט דאָס שטעטל.

haberdasher

שוימען, שבת

די וועגן, קען מען זאָגן, זיינען געווען גאַנץ רואיק. פונדעסטוועגן האָט מען פון צייט צו צייט אויך געהאַט שווערע צופאַלן. אַממייניסטן איז עס געשען אין מיטן העלן טאָג — ווען אַ גויעץ האָט זיך געוואָלט אַ שפּיל טאָן, און מיט זיין פערד און וואָגן זיך געגעבן אַ לאָז איבערן מאַרק און פאַרטשעפּעט אַ קינד, צי אַ דערוואַקסענעם. באַלד איז אַנטשטאַנען אַ גרויס געלויף פון אַלע עקן שטאָט. מ׳האָט שנעל געכאַפּט דעם קרבן, באַגאָסן קודם כל מיט וואַסער, דערנאָך אויך געגעבן אַ שלונג וואַסער און אַלץ איז אַריבער בשלום.

נישט ווייניק דערשרעק האָבן מיר אויך איבערגעלעבט יעדן זומער ביים באָדן זיך. יעדעס יאָר האָט עפּעס געמוזט געשען. און יידן פלעגן אויסטייטשן, אַז דאָס וואַסער דאַרף אַ מענטש. ס׳איז פאַר מיר קיינמאָל נישט געווען פאַרשטענדלעך און כ׳האָב זיך אויך געשעמט צו פרעגן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אַ מענטש קען נישט לעבן אָן וואַסער אָבער אַז וואַסער קען נישט לעבן אָן אַ מענטש, דאָס איז פאַר מיר געבליבן ביז היינט נישט פאַרענטפערט.

מיר האָבן אויך פיל איבערגעלעבט פון אָפטע שריפות וואָס פלעגן פאָרקומען אויף דער פאַרשטאָט אין די זומער־נעכט. מערסטנטייל פלעגט דאָס גאַנצע שטעטל זיין באַלויכטן פון די אַרומיקע שריפות.

אַ ספּעציעלן חן האָבן געהאַט אונדזערע שבתים און יום־טובים. פרייטיק פאַרנאַכט, ווי נאָר מעכלעלע שמש פלעגט געבן אַ קלאַפּ מיטן האַמער ביי די טירן פון די געשעפטן, ווי אַ סימן אַז עס איז די צייט פון שבת, האָבן אַלע סוחרים גלייך געשלאָסן די געוועלבן און די גאַס איז געוואָרן ליידיק פון די סטראַגאַנעס און אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו שבת. אַלץ האָט געשמעקט מיט אַ באַזונדערער אַטמאָספער פון נאַטירלעכער היימישקייט. נאָך ליכט־צינדן האָט דאָס שטעטל אויסגעזען ווי אַ שבת־מלכה. דער גאַנצער רינג פון מאַרק איז געווען באַלויכטן פון די ליכט, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון די פענצטער. די גאַסן זיינען געווען זויבער אָפּגעקערט. די קינדערלעך אויסגעצוואָגענע און אָנגעטאָן אין שבתדיקע מלבושים, האָבן מיט זייערע פאָטערס געאיילט, ווער אין דער שיינער גרויסער שול, ווער אין בית־המדרש אָדער אין די חסידים־שטיבלעך, עפּעס אַזאַ מין יום־טובדיקייט, אַזאַ מין רואיקייט. עס האָט זיך געדאַכט אין די מאָמענטן, אַז אַלע צרות האָבן זיך געענדיקט פאַר יידן. צו דער דערמאָנטער ממש הייליקער אַטמאָספער האָבן זיך מיט גרויס דרך־ארץ צוגעקוקט די גויאים. און אויך אונדזערע, אַזוי גערופענע „פריי־דענקער”, האָבן מיט טאָלעראַנץ געשעצט די געפילן פון דעם רעליגיעזן טייל אין שטאָט.

איך געדענק, ווי מיר, נאָך דאַן יונגע חברה, האָבן נישט געהאַט קיין געדולד צו דעם לאַנגזאַם פירן דעם שבתדיקן טיש מיטן קדוש און זמירות, מיטן דערלאַנגען די עסנס, מיר האָבן געוואָלט עס זאָל זיך וואָס שנעלער ענדיקן דאָס עסן און מיר זאָלן קענען אַרויס צו דער חברה, ווער אין דער אָרגאַניזאַציע, ווער גלאַט אַ ביסל פאַרווײלן זיך, ווער הערן אַ פּאָליטישן שמועס. אַ יוגנט האָבן מיר געהאַט זייער אַ שיינע. ווי אויך אַ קולטורעלע. קיין הויך־שול האָבן מיר נישט געהאַט, מ׳האָט אונדז אויך נישט